# אינטערסאנטע רמזים פון די הגדה

## יציאת מצרים אין די תורה

אין זוהר הקדוש ווערט דערמאנט אסאך מאל אז יציאת מצרים ווערט דערמאנט אין די תורה נאר פופציג מאל נישט מער און נישט וויניגער, צו ווייזן אז די אידן זענען געווען פארזינקען אין די נ׳ שערי טומאה, וחמישים עלו בני ישראל און זענען נתעלה געווארן אין אריין אין די נ׳ שערי קדושה. אויף דעם פרעגן אלע אז אין די תורה ווערט דערמאנט סאך מער פון דעם חשבון,

אויף דעם שטייט אין שפע טל להרמ״ק (שער ח׳ פ״א) אז אין די תורה וואס מ׳רעדט איבער דעם שבח פון יציאת מצרים שטייט נאר פופציג מאל און די איבעריגע איז נאר וואס שטייט ווי א סימן אזוי ווי בשנה השנית לצאת מארץ מצרים, וכדומה.

מיט דעם טייטשט הרה״ק ממודזיץ זצ״ל (ישא ברכה) וואס מ׳זאגט אין די הגדה **ואפילו כולנו חכמים מצוה עלינו לספר ביציאת מצרים וכל המרבה לספר הרי זה משובח**, דהיינו ס׳איז א מצוה צו ציילן וויפיל מאל ס׳שטייט יציאת מצרים אין די תורה, ווען מען זען אז ס׳שטייט פופציג מאל אזוי ווי ס׳ווערט דערמאנט אין זוה״ק, אויף דעם פרעגט דער בעל הגדה, **וכל המרבה לספר**, מ׳זעהט דאך אז ס׳שטייט א סאך מער, אויף דעם ענטפערט דער בעל הגדה, **הרי זה משובח**, מיר רעדן נאר פון דעם שבח פון יציאת מצרים, און דאס שטייט נאר פופציג מאל אין די תורה.

אגב איז אינטערעסאנט צו באמערקן אז דאסווארט מצרים ווערט דערמאנט אין די תורה 385 מאל, כמנין מצרימ״ה, וכמנין פקו״ד יפקו״ד וכמנין שכינ״ה. און אין גאנץ תנ״ך ווערט דערמאנט דאס ווארט מצרים, 680 מאל כמנין אר״ץ מצרי״ם עה״א.

הגר״ח פלאג׳י זצ״ל שרייבט אז אין די הגדה פון הא לחמא עניא ביז גאל ישראל איז דא א סך הכל פון 50 באזונדערע שטיקלעך קעגן די 50 מאל וואס יציאת מצרים ווערט דערמאנט אין די תורה.

די עיקר דרשות פון די הגדה ווערט דערמאנט אין די פרשה פון ביכורים, די פיר פסוקים פון ארמי אובד אבי, ביז ובאותות ובמופתים, איז א פלא אז אויך

דארט אז מ׳וועט אפציילן די ווערטער זעהט מען אז דאס באשטייט פון פופציג ווערטער.

## רמזים אין די הגדה

אין ספרי פ׳ תבוא ביי די פרשה פון ביכורים ווערט דערמאנט די אלע דרשות וואס מיר זאגן אין די הגדה, אין וועגן דעם הייסט דאס הגדה, ווייל דארט הייבט זיך אן מיט דעם לשון הגדתי היום.

אין הג״מ אויפן רמב״ם ווערט געברענגט אן אינטערעסאנטע זאך, אז ווען א מענטש האט געברענגט בכורים האט ער דעמאלט געזאגט דעם גאנצן נוסח פון דעם סדר מיט די צען מכות.

אויך איז א חידוש פלא וואס ווערט געברענגט אין ספר אהבת תורה אז אין די הגדה פון הא לחמא עניא ביז גאל ישראל איז דא א סך הכל פון 1820 ווערטער, דאס איז כמנין וויפיל מאל ס׳ווערט דערמאנט דער שם הוי׳ אין די תורה, צו ווייזן אז די גאנצע הגדה באשטייט פון שמות של הקב״ה אלף תת״כ, הרה״ק ממונקאטש זי״ע זאגט א רמז אויף דעם חשבון, דאס איז כמנין שמע ישראל ה׳ אלקינו ה׳ אחד. אלף קי״ח מיט שבת, כמנינו.

הג״ר אלחנן וואסערמאן זצ״ל פלעגט נאכזאגן בשם הגר״א זי״ע אז די נאכט פון פסח באשטייט פון 64 מצות וואס מ׳איז מקיים און דאס איז כולל די מצוות עשה דאורייתא ודרבנן, אין יעדע ברכה איז א מצוה פאר זיך. וברמז, אין די ברכה פון אשר גאלנו, און אויך אין די פיסקא פון על אחת כמה וכמה. איז דא דארט סך הכל 64 ווערטער, א רמז אויף די מצות היום.

הגרי״ח זאנענפעלד זצ״ל האט אמאל געזאגט אז דער נס פון קריעת ים סוף איז מרומז אין דעם סימן פון כרפ״ס, וואס איז נוטריקון, כ׳ל ס׳וס ר׳כב פ׳רעה.

די ספה״ק זאגן אז אין דעם לשון מגביהין את הקערה, מ׳הייבט אויף די קערה איז מרומז אז די אותיות נאך קער״ה קומען די אותיות שופ״ר, דאס איז דער רמז ווי ס׳שטייט אין זוה״ק, היום אתם יוצאים בחודש האביב, היום דא ראש השנה, יוצאים זכאי בדין ע״י חודש האביב אז מ׳איז מקיים בזהירות אלע מצוות פון חג המצות.

נאך א רמז, מצ"ה ומרו"ר בגימ' כמנין שופ"ר (מיט'ן כולל) אויף דעם שטייט אין ספר ברית כהונת עולם אז דער צירוף פון חודש ניסן, ישמחו השמים ותגל הארץ באטרעפט פונקט ווי דער צירוף פון חודש תשרי. ויראו אתה שרי פרעה (א' תצ"ו) ווייל דאס איז בחי' אור ישר ואור חוזר, ופלא, און דאס איז בגמטריא כמנין לעשה נפלאות גדולות לבדו כי לעולם חסדו, וכמנין לחירות לשמחה ליום טוב לאור גדול לגאולה (שי למורא).

הגאון רבי חיים בריסקער זצ"ל פלעגט זאגן, מיר האבן נישט קיין רעכט צו פרעגן "פארוואס", מיר קענען נאר פרעגן "וואס"! דהיינו מיר טוען אלעס ווייל אזוי האט השי"ת געהייסן, מיר ווילן נאר פארשטיין וואס איז דער פשט און דער טעם. וועגן דעם זאגט מען אין די הגדה, מצה זו שאנו אוכלין על שום מה. מיר וועלן עסן די מצה, אפילו מיר פארשטייען נישט, מיר ווילן נאר וויסן וואס איז דער טעם, דאס זעלבע ביי מרור. וועגן דעם זאגט מען מה נשתנה אבער נישט למה נשתנה. ובדרך צחות קען צען זאגן, למה, יאמרו הגוים, די גוים זיי פרעגן פארוואס.

## פסח ראש השנה לתבואה

הרה"ק רבי פנחס מקאריץ זי"ע זאגט איבער דעם וואס פסח איז ראש השנה לתבואה ווייל אזוי ווי הבורח מן הכבוד הכבוד רודפת אחריו, דאס זעלבע דער וואס אנטלויפט פון זיין פרנסה נישט זיך זאט צו מאכן מיט רייכע געשמאקע מאכלים ותענוגים, דעמאלט לויפט איהם נאך מזונות און עשירות דאס צו קענען דערגרייכען. וועגן דעם פסח וואס מ'עסט נאר מצה אן א טעם און אלעס עסט מען בצמצום, דעמאלט איז דער אויבערשטער משפיע זיין תבואה און פרנסה פאר אידישע קינדער בהרחבה. און דאס איז מרומז אין די הגדה, הא לחמא עניא, דורך דעם וואס מען עסטע ארעמע ברויט איז מען זוכה צו כל דכפין ייתי ויאכל אז מען וועט האבן פרנסה בריוח.

מיט דעם טייטשן די ספה"ק דעם פסוק והריקותי לכם ברכה עד בלי די, ודרשו עד שיבלו שפתותיכם מלומר די, דהיינו אז ווי מער א מענטש וועט זאגן די און זיין צופרידן מיט וואס ער האט, במדת הסתפקות, אלץ מער וועט השי"ת קענען משפיע זיין מער ברכה והצלחה אן א שיעור.

אויך אין שלחן ערוך איז דא אויף דעם א רמז, אז ס׳איז דא 428 סימנים ביז הלכות פסח, דאס איז כמנין חת״ך וואס דאס איז דער שם פונעם מלאך וואס איז ממונה אויף פרנסה.

מהרצ״א מזידטשוב זי״ע זאגט אז אין ווארט פסח ליגט די ר״ת פון די שמות הפרנסה, פא״י, סא״ל, חת״ך, די שמות וואס ליגט אין פותח את ידך ומשביע לכל חי רצון.

## חד גדיא א לחש קעגן עיה״ר פון די מלאכים

הרה״ק מבארניב זצ״ל האט דערציילט פסח באנאכט ביים זאגן חד גדיא, אז ער האט געהערט פון זיין זיידן הרה״ק ר׳ אליעזר מדזיקוב זצ״ל אז ער איז געווען אלס קינד מיט זיין טאטען דער ראפשיטצער רב ביים הייליגן חוזה מלובלין זי״ע ביים סדר, און ווען מ׳האט געהאלטן ביי חד גדיא, האט דער רבי געזאגט עטץ ווייסט פארוואס דער מסדר ההגדה האט דא צוגעשטעלט דעם פיוט חד גדיא, דאס איז ווייל די מלאכים וואס קומען אראפ צו די סדרים און זיי זעהן דעם גרויסן נחת רוח וואס הקב״ה האט פון דעם, און די גרויסע אורות הקדושים וואס ס׳ווערט פון דעם באשאפן, און זיי קענען נישט צושטעלן דעם תענוג ונחת רוח פאר השי״ת אויף אזא פארנעם, קוקן זיי אויף אונז מיט גרויס קנאה, און ס׳איז דא א פחד ס׳זאל ח״ו נישט שולט זיין קיין עין הרע דורכדעם, און דער הייליגער לובלינער האט געוויזן מיט די הענד און געזאגט בזה״ל ״די מלאכים שטייען ארום און גלאטצען אויף אונז פון גרויס קנאה״. וועגן דעם האבן די קדמונים מסדר געווען דעם פיוט חד גדיא, דאס איז א לחש קעגן עין הרע פון די מלאכים, ס׳זאל אונז נישט שעדיגן.

## די צען מכות קעגן די צען לשונות פון חד גדיא

אין דעם אגרת הידוע פון הרה״ק רבי שמשון מאוסטרופליא זצ״ל וואס מ׳זאגט בלילי פסחים, שטייט דארט אז די בעלי קבלה מעשיות זאגן אז ס׳איז פארהאן ג׳ אלפים ר״פ מלאכי חבלה וואס זענען מעניש ומטהר די רשעים על ידם, און ער שרייבט בסוד נפלא אז דאס איז בגמטריא פונקט וויפיל די צען מכות, כחשבני׳ דדין. אויף דעם איז א פלא ברמז נפלא. אז דער פיוט פון חד גדיא באשטייט פון צען לשונות און ווען מ׳רעכענט אויס דעם חשבון זעט מען

צום וואונדער אז דאס באטרעפט אויך ג׳ אלפים ר״פ אזוי ווי די צען מכות, ואלו הן.

״גדיא, שונרא, כלבא, חוטרא, נורא, מי״א, תורא, שוחט, מלאך המות, קדוש ברוך הוא״ ומי יבוא בסוד ישרים צו פארשטיין דעם מכוון אלו כנגד אלו. וברמז י״פ חש״ך והבן.

## משה רבינו אין די הגדה

עס איז באקאנט די קשיא פארוואס ווערט נישט משה רבנו דערמאנט אין די גאנצע הגדה, די קשיא ווערט שוין מרומז אין מדרש רבה, שה״ש ג׳ א׳, על משכבי בלילות, זה לילה של מצרים, בקשתי את שאהבה נפשי, זה משה, בקשתיו ולא מצאתי, דהיינו בהגדה של פסח.

דער גאון רבי מאיר דן פלאצקי זצ״ל אין זיין ספר כלי חמדה, סוף הקדמה לספר בראשית, רעדט ארום פון דעם קשיא אז משה רבנו ווערט בכלל נישט דערמאנט אין די הגדה אין די צייט וואס ער איז דאך געווען דער עיקר וואס האט אונז ארויסגענומען פון מצרים. און בהשקפה ראשונה איז דאס באמת א פלא, און בוודאי איז דא אין דעם א ענין עמוק. נאכדעם איז ער מסביר בקיצור אז משה רבינו האט אונז ארויס גענומען נאר בגאולת הגוף, אבער די גאולת הנפש האט אונז הקב״ה אליין בכבודו ובעצמו אויסגעלייזט, און אזוי ווי דער עיקר הלל הגדול וסיפור יציאת מצרים בליל הסדר איז דער שבח אויף די גאולה הרוחניות און דאס איז געקומען לא על ידי מלאך ושרף ולא על ידי שליח אלא הקב״ה בכבודו ובעצמו.

הגאון ר׳ שמואל גריינימאן ז״ל האט דערציילט אז אמאל פסחביים סדר פון דעם חפץ חיים זצ״ל האט ער גערעדט פאר די מסובים איבער דעם וואונדער אז משה רבינו ווערט נישט דערמאנט אין די הגדה, כאטש אז דער גאנצער נס איז דאך געקומען דורך איהם. האט דער חפץ חיים געזאגט, פון דעם קען מען זיך לערנען אז רצון יראיו יעשה, און ווייל משה רבינו איז געווען דער עניו מכל אדם וועגן דעם ווערט נישט דערמאנט זיין נאמען ביי דעם נס, אויך האט ער צוגעלייגט אז דער בעל הגדה וויל מיט דעם דערמאנען דעם מסירת נפש פון משה רבינו, אז ער האט געזאגט מחני נא מספרך. און ר׳ שמואל גריינימאן ז״ל האט אויסגעפירט אז ווער ס׳וועט פרעגן די קשיא זאל מען אים ענטפערן דעם תירוץ.

אבער עס איז א חידוש אז אין רמב״ם ביי דעם נוסח פון די הגדה דערמאנט ער נישט דעם נאמען פון משה רבינו, אבער ביי די הלכות פון סיפור יציאת מצרים שרייבט ער אז אויב דער זון איז א גדול וחכם דארף איהם דער טאטע פארציילן וואס ס׳האט פאסירט אין מצרים, און די ניסים שנעשה לנו על ידי משה רבינו הכל לפי דעתו של הבן, פון דעם זעט מען אז דער רמב״ם האלט אז א חלק פון די מצות סיפור יציאת מצרים איז צו דערמאנען אז דאס איז געמאכט געווארן דורך משה רבינו עליו השלום.

אבער באמת ווערט משה רבינו יא דערמאנט איינמאל אין די הגדה ביי דעם מאמר פון רבי יוסי הגלילי, במצרים לקו עשר מכות וכו׳, ויאמינו בה׳ ובמשה עבדו. דער פסוק ווערט באמת נישט דערמאנט אין די אלטע גירסאות פון די הגדה. אויך נישט אין דעם נוסח פון רב סעדי׳ גאון אויך אין די הגדות בני תימן ווערט נישט דערמאנט דער פסוק. דאס איז נאר א הוספה וואס איז צוגעלייגט אין דעם סדר פון רב עמרם גאון, וואס לכאורה האט עס נישט קיין שייכות מיט דעם פסוק פריער, וואס דארט לערענט מען ארויס פון היד הגדולה אויף חמישים מכות.

אויף די הוספה פון רב עמרם גאון דעם פסוק ויאמינו בה׳ ובמשה עבדו שטעלט מען צו א אינטערסאנטען תרגום יונתן דאס צו פארשטיין. דאס איז געווען מרגלא בפומי׳ ביי די בעלזער יושבים, ווייל ביי מכת כינים זאגט דער פסוק ויאמרו החרטומים אל פרעה אצבע אלקים הוא, לכאורה פארוואס איז געקומען נאך מכות נאכדעם ווי זיי האבן שוין מודה געווען אז אלעס קומט פון הקב״ה, דאס איז דאך דער עיקר. שטייט אבער אין תרגום יונתן. ואמרו איצטגני פרעה, לא מן כוח גבורת משה ואהרן הוא, אלהן מחר משתלחא מן קדם ה׳ הוא, די מכה איז נישט געקומען פון די גבורה פון משה ואהרן נאר ס׳איז געשיקט געווארן פון השי״ת קומט אויס אז זיי האבן נאך אלץ געלייקענט אין אמונת צדיקים, וועגן דעם איז זיי געקומען נאך מכות.

דאס איז די סיבה פון די הוספה, צו וויסן אז מ׳דארף האבן די אמונה אין הקב״ה און אויך ובמשה עבדו, אמונת צדיקים שבכל דור ודור אז זיי האבן דעם כוח הקדושה וגבורה צו קענען פועלן ישועות, ניסים ונפלאות פאר אידישע קינדער.

אין ס׳ תולדות יצחק פון דעם בית יוסף׳ס פעטער שטייט א מילתא בטעמא פארוואס משה רבינו ווערט נישט דערמאנט אין די הגדה. לויט ווי ס׳שטייט אין

מדרש רבה, אויפן פסוק ותאמרו איש מצרי הצילנו מיד הרועים. אז די בנות יתרו האבן באדאנקט משה רבינו אז ער האט זיי געראטעוועט פון די פאסטוכער, האט משה רבינו זיי געזאגט נישט מיר קומט זיך דער יישר כוח, נאר, איש מצרי, דער מצרי וואס איך האב גע'הרג'עט ער האט ענק מציל געווען. ווייל דורך אים האב איך געמוזט אנטלויפן.

זאגט דארט דער יפ"ת ועץ יוסף אז דאס איז געווען זיין דרך נישט מחזיק טובה זיין פאר זיך נאר אלץ האט זיך אזוי געפירט פון השי"ת, וועגן דעם האט משה רבינו זוכה געווען צו זיין דער מנהיג ישראל, און וועגן דעם האט דער בעל הגדה מכבד געווען רצונו של משה נישט צו זיין א מחזיק טיבותא לנפשי' און דערמאנט איהם נישט, און דאס וועט זיין א גרויסער לימוד בגדולת משה עבד ה'.

מרן רביה"ק מסאטמאר (חיד"ת בהעלותך תשי"ז) אויף דעם פסוק דכל ביתי נאמן הוא, שרייבט אז יחידי סגולה אין להם רצון כלל רק רצון הבורא ב"ה, וזה הבחינה הי' אצל משה רבינו נאמן הוא לכוון לדעתו ורצון הבורא. וועגן דעם ווען מ'רעדט פון משה רבינו ע"ה שטייט דאס לשון הסכימה דעתו לדעת המקום, קיין שום אייגענעם רצון נאר כל עשיותיו לכוין לדעת ורצון הבורא.

## דער אות פון די תורה קעגן דעם שבת פון שבה"ג

אין שלה"ק שטייט אז ס'איז דא אין די תורה ששים רבוא אותיות, און די סך הכל פון די ימי עולם איז דא ששים רבוא שבתות, און יעדעס אות אין די תורה איז קעגן איין שבת. לויט דעם האבן מיר אויסגערעכנט צו וויסן לויט דעם מנין פון די אותיות פון בראשית וועלכער אות איז קעגן דעם שבת הגדול פון שבת ב' אלפים תמ"ח ווען אידן זענען ארויס פון מצרים, וזהו החשבון דער מנין אלע שבתות מתחילת הבריאה איז שבת הגדול דעמאלט געווען במספר 127,248, [וברמז לזכרון - אברהם ושרה 127 יאר, ימי חיי שרה, 248 גימטריא של אברה"ם]. איצט אז מ'רעכנט דעם מספר אותיות אין די תורה פון בראשית קומט מען אן צום פסוק לך נחה את העם הזה אשר העלית ממצרים, דער אות אל"ף פון די ווארט אשר העלית איז די 127,248'סטע אות אין די תורה! והוא לפלא. און פון דעם זעהט מען אויך אז הקב"ה איז מעיד אז די ניסים פון יציאת מצרים איז ער תולה בזכותו ובגדולתו של משה רבינו עליו השלום.

אויך במנין התיבות שבתורה זה לעומת זה, זעהט מען אז די ווערטער "ויאמר משה משה ויאמר הנני" זענען מכוון במנין ובמשמעות קעגן די ווערטער "וישמע קולינו וישלח מלאך ויוציאנו (כ"א אלפים שפ"א – שפ"ה), און אז ווי רש"י זאגט מלאך זה משה שהנביאים קרוים מלאכים, ופלא.

***

## משה רבינו האט מקיים געוועהן והגדת לבנך און מוציא געווען כלל ישראל

הרה"ק מהר"י מבעלזא זי"ע איז געפארן קיין וויען זיך צו היילן דארט ביי דאקטורים. און דער גאון ר' שאול בראך זצ"ל איז געפארן פון מאגענדארף צום רבי'ן אויף שבת פרשת בא. דערציילט ער איז נאך שבת האט ער געהערט אז דער שבט סופר פון פרעשבורג געפינט זיך אין וויען, איז ער איהם געגאנגען באזוכן און איהם דערציילט אז ער איז געקומען אויף שבת צום בעלזער רב פרעגט ער איהם היתכן אז איר לאזט איבער די ישיבה תלמוד תורה דרבים און קומט צו פארן צו א רבי'ן. און האט פראבירט צו ענטפערן ס'איז נישט געגאנגען. זאגט ער פאר'ן פרעשבורגער רב, איך וועל אייך איבערזאגן די תורה וואס דער מיטעלער רב האט געזאגט אויף די סדרה, אין פסוק שטייט ולמען תספר באזני בנך וגו' וידעתם כי אני ה', דער פסוק הייבט אן בלשון יחיד און ענדיגט וידעתם לשון רבים.

נאר לכאורה די מצות סיפור יציאת מצרים איז חל אויף יעדן איד גלייך בשנה ראשונה ווען מען איז ארויס פון מצרים. איז די שאלה וועלכער איד האט געקענט מקיים זיין די מצוה פון והגדת לבנך, א יעדער איז דאך געווען דארט און געזען די אלע ניסים ווען זיי זענען ארויס פון מצרים.

ממילא איז נאר געבליבן דער איינציגסטער משה רבינו, וואס זיין ווייב און קינדער זענען נישט געווען אין מצרים, און פאר זיי האט ער געקענט דערציילן אלע נסים און מקיים זיין דעם והגדתך לבנך בשנה הראשונה און וויבאלד גאנץ כלל ישראל איז נכלל בנשמת משה רבינו האט ער מיט דעם מוציא געווען גאנץ כלל ישראל, וועגן דעם שטייט לשון יחיד ולמען תספר באזני בנך, און דורכדעם וידעתם כולכם כי אני ה' יוצא געווען יעדן.

ווי דער שבט סופר האט דאס געהערט איז ער זייער נתפעל געווארן און געזאגט פאר זיין משמש, גרייט מיר צו א וואגן און מיר פארן צום בעלזער רב (שאול בחיר ה' דף ל"ז).